בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

חקת
ה' תמוז תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:31 |
| ר"ת | 9:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:12 | סוז"ת א' | 9:42 |
| סוזק"ש ב' | 9:05 | סוז"ת ב' | 10:17 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': לו


## טיב הפרשה

# אוועקגעבן פון זיך פאר די רוחניות פון א צווייטן איד ברענגט התעלות פאר א איד

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די מצוה פון פרה אדומה. מען לערנט וויאזוי א איד דארף זיך ריינגן פון אלע ערליי טומאה'ס און אז דער כהן דארף אנשפריצן דעם איד מיט די וואסער אין לויף פון זיבן טעג, ביז ווען ער ווערט ריין און צוריק הייליג.

דער סדר ביי די פרה אדומה איז, אז ווען דער כהן שפריצט אן דער איד מיט די וואסער ווערט דער כהן אויך טמא, ער דארף זיך מטהר זיין ווייל ער ווערט טמא ווען ער ריינגט א איד.

לכאורה איז שווער, מען האט דאך געלערנט אין פרשת אמור אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין און ווי עס איז דארט דער לשון הפסוק 'לנפש לא יטמא בעמיו', און דא זעען מיר אז עס א מצוה אז מען זאל זיך מטמא זיין פאר א צווייטן.

נאר די תוה"ק לאזט אונז דא הערן א שטארקע נקודה. ווען עס קומט צו מטהר זיין א צווייטן איד, אפילו אז די טהרה פון א צווייטן איד וועט גורם זיין אז דורכדעם זאל מען ווערן טמא, זאל מען נישט קוקן אויף דעם, מען זאל זיך מטמא זיין און עס איז א מצוה אז מען זאל זיך מטמא זיין פאר א צווייטן, ווייל ווען עס קומט צו די רוחניות פון א צווייטן איד זאל מען זיך נישט אפהאלטן פון גארנישט.

ווען מען טראכט אריין, איז דאס געווען די עבודה פון די כהנים אין בית המקדש. פון צופרי ביז ביינאכט איז דער כהן געשטאנען אויף די וואַך און באדינט דעם איד וואס איז געקומען אין בית המקדש, און זיכערגעמאכט אז ער האט אלעם וואס ער דארף צו באקומען א כפרה אויף זיינע מעשים אדער ארויסברענגען זיין דאנק פאר הקב"ה.

ווען עס האט זיך גערעדט פון א קרבן תודה, אפילו אז עס קען זיין אז ווען דער כהן וואלט אויסגענוצט די זעלבע צייט און עוסק געווען פריוואט אין עבודת השם, וואלט ער אפשר אויסגעשטיגן גרעסער און העכער.

די יסוד צו די עבודה האבן זיי גענומען פון אהרן הכהן. די מידה פון אהרן הכהן איז געווען אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה און דער צדיק אהרן הכהן האט עס געטון, אויך מיט דעם אז ווייסנדיג אז אויב ער וואלט געבליבן מיט זיין פריוואטע עבודה, וואלט ער מעגליך געשטיגן אסאך העכער, און ווי עס שטייט אין תנא דבי אליהו [רבה פרק יג] יודע היה אהרן שבא דבר גדול לישראל על ידו והיה קושר חבל של ברזל במתניו, ומחזיר על כל פתחי ישראל, וכל שלא היה יודע לקרות קריאת שמע, וכן מי שאינו יודע להתפלל, היה מלמדו לקרות קריאת שמע ולהתפלל, וכן מי שאינו יודע לכנוס בגופה של תורה היה מלמדו.


>>> | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# וְדִבַּרְתֶּם אֶל הַסֶּלַע

אויפן וועג איז געגאנגען א פשוט'ער פאסטוך, מיטן נאמען עקיבא. ער האט נישט געקענט לערנען, די תורה איז נישט אריינגעגאנגען אין זיין מח, אבער זיין הארץ – א ריין אידישע הארץ – האט זייער שטארק געוואלט לערנען און פארשטיין. אזוי גייענדיג האט ער געזען א גרויסן שטיין, און אין דעם שטיין איז געווען א לאך. ווען ער האט דאס געזען, האט זיך עקיבא זייער געוואונדערט: וויאזוי איז געווארן א לאך אינעם שטיין?

באטראכטנדיג דעם שטיין אביסל נענטער און גרונטליכער, האט ער באמערקט זייער אן אינטערעסאנטע זאך: ער האט געזען ווי עס טראפט וואסער אויפן שטיין, א טראף נאך א טראף. יעצט האט ער שוין אלעס פארשטאנען: די טראפנס וואסער וואס האבן געטראפט אויפן שטיין, יארן לאנג, האבן ענדליך געמאכט א לאך אינעם שטיין.

האט עקיבא געטראכט צו זיך: אויב אפילו אין א שטיין איז די וואסער אריינגעגאנגען, איז דאך אוודאי און אוודאי אז אין מיין שטיינערנע הארץ וועלן אריינגיין די ווערטער פון די תורה, וואס זענען אזוי ווי א ברונעם פון מים חיים. און עקיבא איז טאקע געגאנגען לערנען תורה, און דער המשך פון די מעשה ווייסט יעדער, אז ער האט אויפגעשטעלט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, און איז געווארן אזוי גרויס אין תורה, און דער אויסדערוועלטער פון זיינע תלמידים איז געווען רבי שמעון בן יוחאי, זיע"א.

דער אויבערשטער האט געצערנט אויף משה און אהרן דערפאר וואס זיי האבן געשלאגן דעם שטיין און האבן נישט גערעדט צו אים, און דער אויבערשטער האט געזאגט צו זיי, 'יַעַן לֹא הֶאֱמַנְתֶּם בִּי לְהַקְדִּישֵׁנִי לְעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל', און רש"י ערקלערט, אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו זיי, אז אויב וואלטן זיי גערעדט צום שטיין און עס וואלט ארויסגעגאנגען וואסער, וואלט דער אויבערשטער געהייליגט געווארן פאר די אויגן פון די אידישע קינדער, און זיי וואלטן געזאגט, מה-דאך די שטיין וואס קען נישט רעדן און נישט הערן און ער דארף נישט קיין פרנסה, איז מקיים דאס וואס דער אויבערשטער האט געהייסן, איז דאך קל-וחומר אז מיר דארפן מקיים זיין די ווערטער פונעם אויבערשטן.

דארף מען דאך פארשטיין, איז דען דער נס, וואס משה רבינו האט געשלאגן דעם שטיין און עס איז ארויסגעגאנגען וואסער, נישט גענוג א גרויסער נס, אז די אידישע קינדער זאלן גלויבן אינעם אויבערשטן?

האט הרה"צ רבי זונדל קרויזר זצ"ל געגעבן צו פארשטיין, אז דער אויבערשטער האט אונז געוואלט לערנען מיט דעם, אז אפילו אויב דער מענטש האט א הארץ פון שטיין, קען ער הערן. ווייל אמאל טראכט מען, מיין הארץ אדער די הארץ פון יענעם איז דאך א הארץ פון שטיין, און עס איז א שאד אויף די צייט וואס איך לייג אריין אין דעם, עס איז א שאד צו פראבירן רעדן, ווייל ער הערט דאך גארנישט, אפשר איז בעסער אז איך זאל פראבירן נוצן דעם "מַטֶּה", דעם "שטעקן", אפשר וועט עס העלפן. אבער רעדן?

דאס האט דער אויבערשטער געוואלט אז משה רבינו זאל אונז אויסלערנען, אז אויך א הארץ פון שטיין טוט הערן! און דאס איז וואס רש"י געבט אונז צו פארשטיין, אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה און אהרן, אז אויב וואלטן זיי גערעדט צום שטיין און עס וואלט ארויסגעגעבן וואסער, וואלט דער נאמען פונעם אויבערשטן געהייליגט געווארן.

ווייל דער אמת איז, אז יעדער איד האט א געטליכער ניצוץ אין אים, און אויך אויב עס זעט אויס אז ער האט א שטיינערנע הארץ, פעלט נישט אויס אז מען זאל אים שלאגן, וויבאלד אויך מיט רעדן וועט ער פארשטיין.

(עפ"י טיב התורה-חוקת)


זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דער תוספות בן יחיאל אויפן ארט ערקלערט די מאמר מיט די בחינה. ער זאגט אז די 'חבל של ברזל' איז די אייזערנע שטריק מיט וועלכע אהרן הכהן האט זיך צוגעבינדן און זיך אפגעהאלטן, ער זאל נישט גיין העכער אין עבודת השם, אז ער זאל קענען מזכה זיין אידן צו גיין העכער און העכער אין עבודת השם.

דער צדיק אהרן הכהן האט פארשטאנען דעם סוד אז אפילו אז הקב"ה האט ליב ווען ער איז עולה ממדריגה למדריגה, דאך איז חשוב'ער ביי הקב"ה ווען ער איז עוסק אין מזכה זיין אידן, און אז ווען ער איז עוסק אין מקרב זיין אידן האט הקב"ה מער נחת רוח פון אים, און ווענן דעם האט ער מבטל געווען זיינע פריוואטע רצונות פארן רצון השם.

דער אמת איז אבער אז פון זיך אוועקגעבן פאר א צווייטן איד דערלייגט מען נישט. נישט נאר מען דערלייגט נישט נאר מען איז זוכה צו די פארקערטע אז מען שטייגט ווייטער העכער און העכער, און טאקע די עבודה איז דער גורם אז דער מענטש זאל אויסשטייגן העכער און העכער אין עבודת השם, און עס ווערט אויסגעשמועסט אין דער המשך פון דער תוספות בן יחיאל אויפן ארט:

ולא אהרן בלבד, אלא כל תלמיד חכם המלמד תורה ברבים לישראל לשם שמים, ואינו נושא פנים לעשיר ולעני, אלא מקרא הוא מקריא את כולם כאחת, ומשנה הוא שונה את כולם כאחת, מתוך כך הקב"ה מרחם עליו ונותן בו חכמה ודעה ובינה והשכל, ונותן לו חלק עם הצדיקים אברהם יצחק ויעקב, ועליו הכתוב אומר מעמל נפשו יראה ושבע, בדעתו יצדיק צדיק עבדי לרבים וגו'.

דעם ענין האט מען זייער שטארק געזען ביי גדולי ישראל. די גרויסע צדיקים האבן מקדיש געווען גרויסע חלקים פון זייער לעבן פאר א צווייטן איד און זיך אפגעגעבן פאר זיי אויף א שטארקער פארנעם, אז זיי זאלן קענען ארויפגיין מעלה מעלה אין זייער לעבן.

א איד האט מיר פארציילט אן עובדא וואס ער האט מיטגעלעבט אין שטוב פון הגאון רבי אלעזר מנחם מן שך זצ"ל. צום שטוב פון דעם גאון איז געקומען צו פארן איינער פון זיינע גרויסע מעריצים וואס האט געוואוינט אין די שטאט טאראנטא. דער איד איז געווען א גרויסער נגיד און ער האט געהאט אסאך ענינים דורכצוצורעדן מיטן ראש הישיבה זצ"ל.

דער עושר איז געקומען צו גיין אין די צייט פון קבלת קהל. אזוי ווי אייביג, איז דארט געשטאנען א שורה פון עטליכע אידן, און צווישן זיי איז אויך געווען א איד מיט א בחור אין דער זייט. דער בן תורה מיט זיין בחור'ל האבן זעענדיג דעם עושר געמאכט א חשבון אז ווארשיינליך וועט דער עושר זיך אויפהאלטן אין דעם צימער א לענגערע צייט, און נישט וועלנדיג דארפן אויסווארטן אזוי לאנג האבן זיי געבעטן פון דעם נגיד אז היות אז ער וויל נאר פרעגן א קליינעקייט צי ער קען אריינגיין פריער.

דער עושר האט צוגעשטימט זאגנדיג אז ער זאל עס מאכן שנעל, ווייל ער דארף אניאגן צו רעדן מיטן ראש הישיבה, ווייל פון דא גייט ער גלייך צוריק צום עירפארט און וועט פון דארט אהיימפארן.

דער בן תורה מיטן בחור'ל זענען אריין. עס גייט דורך א מינוט און ער קומט נישט ארויס, עס איז אדורך צען מינוט, פופצן מינוט, א שעה און דער איד קומט נישט ארויס.

דער נגיד האט שוין נישט געקענט אויסווארטן, ער האט מורא געהאט אז ער גייט דערלייגן די פליגער, ער האט איינגעפאקט זיינע זאכן און ער איז אוועק פון דארט.

פאר די שטוב-מענטשן האט די התנהגות זייער פארדראסן. זיי זענען געווען זיכער אז דער בן תורה האט אויסגענארט דעם עושר, אבער ארויסקומענדיג פון צימער האט זיך אויסגעשטעלט א צווייטן בילד. דער איד האט דערציילט וואס עס האט זיך אפגעטון אינעווייניג, ער האט דערציילט אז עס איז שוין א שטיק צייט וואס זיין בחור האט פארלוירן דער טעם אין לערנען און ער איז געקומען צו גיין צום ראש הישיבה און געוואלט בעטן אן עצה און א ברכה וואס ער קען טון אז ער זאל צוריקבאקומען א טעם אין תורה.

דער איד איז געווען זיכער אז דער ראש הישיבה זצ"ל וועט אים געבן אן עצה אדער א ברכה, און ער וועט זיין אינדרויסן ביז א מינוט. ווי ערשטוינט איז ער געווארן ווען דער ראש הישיבה זצ"ל איז געווארן זייער ערנסט הערנדיג די שאלה. ער האט פארקלאפט זיינע הענט מיט צער אז עס איז דא אזא זאך אז א בחור זאל פארלירן זיין טעם אין תורה.

"עס איז גארנישט אזא פשוט'ער זאך", האט דער ראש הישיבה זיך באקלאגט הערנדיג איבער וואס עס רעדט זיך, און זיך געוואנדן צו דער בחור'ל און זיך אנגעהויבן אינטערעסירן אין וועלכע ישיבה ער לערנט און וועלכע מסכתא ער לערנט, צו פארשטיין וואו עס ליגט מעגליך די פראבלעם. ווען דער ראש הישיבה האט געהערט וועלכע מסכתא ער לערנט האט ער געהייסן מען זאל ברענגען צוויי גמרות און זיך געזעצט צו לערנען מיט דעם בחור א לימוד פון צוויי שעה. ווען דערביי ברענגט ער אים אריין אין די געשמאק פון א סוגיא און לאזט אים נישט אוועק, ביז ווען דער בחור איז איבערגעצייגט, אז ער פארשטייט מיט א קלארקייט וואס עס מיינט א געשמאק אין א סוגיא, וואס ברענגט אריין א געשמאק און א חיות אין תורה, נאר ווען ער איז געווען איבערגעצייגט אז דער בחור האט שוין ארויס די נושא, אז די נקודה ביי אים איז שוין קלאר, האט ער אים געלאזט גיין.

די מעשה איז פאר אונז א געוואלדיגער לימוד. עס לערנט אונז אויס ווי שטארק מען דארף זיך אוועקגעבן פאר א צווייטן איד ווען 'יענער איד איז אין א רוחניות'דיגער קלעם, ווייל די רוחניות פון א איד, אפילו ווען עס רעדט זיך פון א יונגער בחור'ל, איז עס זייער חשוב, אפילו ווען אין די צייט וואלט מען געקענט אניאגן צו ערלעדיגן אנדערע וויכטיגע זאכן.

מען איז צוגעוואוינט אז גמילות חסד איז צו העלפן א צווייטן בגשמיות, מיט עסן, מיט געלט, מיט קליידונג. די אלע זאכן איז טאקע זייער חשוב און די מצוה איז אין לשער, אבער ווען מען מאכט א חשבון קומט אמאל אויס אז טראץ וואס אויך א גשמיות'דיגע הילף פאר א צווייטן האט א שטארקע חשיבות אין הימל, וועט צומאל די הילף זיין צייטווייליג, עס וועט העלפן דעם איד אויף די מינוט, אבער א רוחניות'דיגע הילף קען צומאל בלייבן ביי דעם בחור אויף דורי דורות, אז עס איז אוממעגליך אפצושאצן אזא זאך.

דער חפץ חיים פלעגט נוצן די משל ווען עס איז געקומען צו פונאנדערשיידן צווישן א גשמיות'דיגע שטיק גוטס און א רוחניות'דיגע שטיק גוטס, און האט עס צוגעגליכן צו א זאק פון ווייץ, אז אפילו אויב מען זאל זיך פארשטעלן אז דער איד וועט נאר דארפן איין ווייצל א טאג און אין די זאק איז דא טויזנטער ווייצלער, וועט עס אויך איין טאג אנקומען צו אן ענדע, אפילו אויב די ענדע וועט זיין אין טויזנט יאר ארום, אבער די 'טוב' אין רוחניות ענדיגט זיך קיינמאל נישט, עס ציט זיך אויף אייביג און אויף אייביג.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו זיין פון די מצדיקי הרבים און זוכה זיין צו אלעס גוטס וואס איז ראוי צו קומען אויף אונז, ביז ווען מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת המשיח במהרה בימינו.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## עס רינט אין בשון

פאר א היבשע שטיק צייט פלעג איך זיך נאכלאזן אין די נושא פון 'מים אחרונים'.

אלץ איינער וואס מיין ארבעט פאדערט אז איך זאל אפזיצן שעה'ן לאנג אין די קאר, האב איך זיך מערערע מאל געטראפן אפעסנדיג א סענדוויטש און נישט האבנדיג צו די האנט קיין מים אחרונים.

לערנענדיג איבער די חשיבות פון די נושא האב איך זיך פארגענומען אז מהיום והלאה גיי איך זיך פארבעסערן אין דעם הינזיכט. איך האב זיך געשטארקט דערויף און כמעט אייביג, איידער איך האב געגעסן, האב איך זיכער געמאכט אז איך האב נעבן מיר וואסער.

איינמאל האב איך פארגעסן פון דעם און נאכן ענדיגן עסן מיין סענדוויטש האב איך זיך געטראפן אן וואסער פאר מים אחרונים. איך האב נישט געהאט פון וואו צו נעמען וואסער.

זארגנדיג אז איך וועל דארפן אויפגעבן מיין פרישע קבלה, האב איך מתפלל געווען צום בורא כל העולמים אז ער זאל מיר העלפן אז איך זאל קענען אויספירן מיין קבלה טובה.

איך האב נאר געענדיגט מתפלל זיין און מיטאמאל שפיר איך א נאסקייט אין מיינע הענט. איך האב זיך געוואונדערט פון וואו עס קומט. איך קוק ארויס אינדרויסן און אט זעה איך ווי עס האט זיך אפגעשטעלט נעבן מיר א מאשין וואס באשפריצט די ביימער און די גראזן מיט וואסער, און די מאשינען וועלן געווענליך נישט זיין אזוי פארזיכטיג און די גאנצע אומגעגענט וועט געניסן פון זייער וואסער.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז ער האט מיר צוגעשיקט וואסער, אז איך האב געקענט מקיים זיין מיין קבלה טובה און עס אנהאלטן אומגעשטערט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה]

**די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922**

# טיב המעשיות

# טָהֳרָתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל

**אין אונזער פרשה, וואס רעדט זיך וועגן די טהרה פון אידישע קינדער, ווערט עטליכע מאל דערמאנט דאס טובל'ן זיך אין מקוה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק** (יט, ז-ח)**: "וְרָחַץ בְּשָׂרוֹ בַמַּיִם", און אין תרגום יונתן בן עוזיאל ווערט עס געטייטשט: "ויסחי בישריה בארבעין סווין דמוי", דאס מיינט אז ער זאל טובל'ן זיין קערפער אין פערציג סאה וואסער** (וואס דאס מיינט אז ער זאל זיך טובל'ן אין מקוה).

**פאלגנד איז א קליין זאמלונג פון דערציילונגען, איבער די טהרה פון אידישע קינדער! לייענט און לערנט!**

דער הייליגער רבי יהודה אסאד זצוק"ל, דער מחבר פון שאלות ותשובות "יהודה יעלה" און דער ספר "דברי מהרי"א", האט אמאל געשיקט א וויכטיגע שליחות מיט א גרופע פון זיינע הייליגע תלמידים, צום הייליגן צאנזער רב זצוק"ל, בעל "דברי חיים".

ווען די תלמידים זענען אנגעקומען קיין צאנז, האט דער צאנזער רב נישט געוואלט זיך באציען צו זייער שליחות און אננעמען זייערע רייד, איידער ער וועט קלארמאכן ווער עס איז דער רב וואס האט זיי געשיקט, וויבאלד אין יענע צייטן איז דער קשר צווישן איין לאנד און די אנדערע נישט געווען אזוי ווי היינט, און דארט אין גאליציע וואו דער הייליגער צאנזער רב האט געוואוינט, האט מען נישט געהעריג געקענט דעם הייליגן מהר"י אסאד, וועלכער איז געווען פון די גדולי הרבנים אין אונגארן.

האט דער הייליגער צאנזער רב אנגעהויבן אויסצופארשן די שליחים מיט פארשידענע שאלות, אינטערעסירנדיג זיך איבער די הנהגה פון זייער גרויסן רבי'ן, דער הייליגער מהר"י אסאד, און אזוי האט ער געדרייט און געצויגן דעם שמועס מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, ביז מען איז אנגעקומען צו רעדן וועגן דער ענין פון טהרת המקוה, און דעמאלטס האט ער געפרעגט די שליחים: גייט אייער רבי אין מקוה?

האבן די תלמידים געענטפערט אז נישט. זייער רבי פירט זיך נישט צו גיין אין מקוה, ווייל זיי האבן אים קיינמאל נישט געזען גיין אין מקוה!

"אויב אזוי", איז דער הייליגער דברי חיים צוטרייסלט געווארן, און געזאגט מיט באגייסטערונג: "אויב איז עס אזוי, אז אייער רבי גייט נישט אין מקוה, זענט איר נישט פון די 'חסידים'! וויל איך נישט טון די שליחות פון אייער רבי, און איך וויל אויך נישט האבן קיין שום קשר מיט אים"! – און ער האט זיי אוועקגעשיקט.

זענען די שליחים צוריקגעקומען צו זייער רבי פארשעמטערהייט, און האבן אים דערציילט די גאנצע מעשה, וויאזוי דער הייליגער צאנזער רב האט זיי פארשיקט בבושת פנים, דערפאר וואס זיי זענען נישט קיין 'חסידים', און זייער רבי גייט נישט אין מקוה...

בליץ-שנעל האט דער הייליגער מהר"י אסאד געהייסן אז מען זאל ברענגען פאר אים דעם שַׁמָּשׁ-בחור, וועלכער האט אנגעפירט מיטן הויז-ווירטשאפט די גאנצע נאכט ביזן דאווענען שחרית אינדערפרי [וואס מען רופט א 'הויז-בחור']. ווען דער בחור איז געקומען, האט ער געזאגט צו אים: זאג נאר דעם אמת! וואו גייסטו מיט מיר יעדן טאג, אין די פריע פארטאגס-שעה'ן, ארום צוויי אזייגער ביינאכט?

דער שמש-בחור האט גלייך געענטפערט: מ'גייט צו די מקוה! דעמאלטס איז באוואוסט געווארן דער הייליגער שטייגער פונעם מהר"י אסאד, אז ער איז געגאנגען יעדן פארטאגס באהאלטענערהייט אין מקוה, נאר ער האט שטרענג באפוילן דעם שמש-בחור אז ער זאל נישט מפרסם זיין די זאך.

גלייך האט דער הייליגער מהר"י אסאד געשטעלט צוויי עדים, וואס האבן עס קלאר געהערט פונעם מויל פונעם שמש-בחור, און האט זיי צוריקגעשיקט מיט די שליחים, אז זיי זאלן נאכאמאל פארן צום הייליגן צאנזער רב, און אים איבערגעבן דעם שליחות.

ווען זיי זענען אנגעקומען דעם צווייטן מאל צום הייליגן צאנזער רב, און די עדים האבן געזאגט זייער עדות, האט דער הייליגער דברי חיים זיך זייער געפריידט צו זיי און האט זיי אויפגענומען זייער שיין, און האט מסדר געווען דעם גאנצן ענין פונעם שליחות אויפן בעסטן אופן.

צום גרויסן וואונדער פון די שליחים, האט דער הייליגער דברי חיים זיי געגעבן צו פארשטיין: איך האב געזען דעם געוואלדיגן כח התורה פון אייער רבי'ן, ווי זיין באוואוסטע חכמה און פקחות דערגרייכט אזוי ווייט, און איך האב געוואוסט ביי מיר אז אן קיין באזונדערע טהרה אין מקוה איז נישט מעגליך אנצוקומען צו אזעלכע הויכע דרגות אין די הייליגע תורה, און אויב גייט ער נישט אין מקוה מוז זיין אז עס מישט זיך אריין אין דעם אביסל השפעה און הילף וואס ער האט חלילה יונק געווען פון די כוחות הטומאה, רח"ל, וועלכע האלטן זיך אמאל אן אויך אין די תלמידי חכמים כידוע, און מיט אזא תורה וואס קומט פון די כוחות הטומאה, וויל איך נישט האבן קיין שום פארבינדונג!

אבער וויבאלד עס איז קלאר געווארן אז אייער הייליגער רבי גייט יא אין מקוה יעדן טאג, האט דער הייליגער צאנזער רב אויסגעפירט, איז אנטפלעקט געווארן די זאך אז די תורה פון אייער רבי איז תורה לשמה בדחילו ורחימו און בקדושה וטהרה, און מיט אזא תורה פריי איך זיך צו האבן א קשר און זיך באהעפטן דערצו מיט גרויס ליבשאפט!

[פרטית, ט"ו כסליו תש"ע]

->•<-

איינער פון די גרויסע און באוואוסטע עסקנים אין ירושלים של מעלה אינעם פריערדיגן דור, איז געווען הרה"ח הנודע מוהר"ר משה בלוי זצ"ל, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפט אנפירער פונעם יהדות החרדית אין זיין דור, נישט נאר אין ירושלים עיר הקודש, וואו ער האט געוואוינט, נאר אויך איבער די גאנצע וועלט. ער איז אלעמאל געווען פארמישט אין די קהל-ענינים הָעוֹמְדִים עַל הַפֶּרֶק, און ער פלעגט אסאך פארן קיין חוץ לארץ פאר פארשידענע שליחות'ן און עסקנות אנבאלאנגט דעם ערליכן אידנטום.

זיין ברודער, הגאון רבי הערשיל בלויא זצ"ל, איז געווען איינער פון די גרויסע תלמידי חכמים אין ירושלים עיר הקודש, און ער פלעגט לערנען בחברותא יעדן נאכט קביעות'דיג, צוזאמען מיט הגה"צ המקובל המפורסם רבי אשר זעליג מרגליות זצוק"ל. זיי פלעגן לערנען צוזאמען פון האלבע נאכט, נאכן אפרעכטן דעם 'תיקון חצות' ביז תפילת שחרית.

איינמאל, ביי איינע פון די פארוויקלטע עסקנות'ן פון רבי משה בלויא, האט ער זיך געדארפט טרעפן מיטן הויכגעשעצטן 'קעניג פון האָלַאנד', פאר א שתדלנות לטובת אחינו בית ישראל. צו דעם האט ער געדארפט צום ערשט ארויספארן קיין ענגלאנד, און פון דארט האט ער געדארפט אפפליען צוזאמען מיט א גאנצע "משלחת" וואס איז געווען צוזאמגעשטעלט פון די גדולי הרבנים פונעם יהדות החרדית, צום קעניג פון האלאנד.

די גאנצע אידישע וועלט האט געטומלט איבער די "משלחת" קיין האלאנד, און אין ירושלים האט יעדער גערעדט מיט התפעלות וועגן די וואונדערליכע איבערגעגבנקייט פון רבי משה, וועלכער האט מסכים געווען זיך איינצושפאנען צו אט דעם געוואלדיגן מצוה. אין אלע זייטן האט מען געקענט זען ווי דער עולם רעדט וועגן דעם, און יעדער איינער פראבירט זיך פארשטעלן וויאזוי די זאך גייט אויסקומען, און צי רבי משה וועט מצליח זיין אין זיין אונטערנעמונג, וועלכע איז געווען זייער וויכטיג און גורל'דיג לטובת די ערליכע אידן אין ארץ ישראל בכלל, און פאר די איינוואוינער פון די הייליגע שטאט ירושלים בפרט.

אין דעם זעלבן טאג, ווען הגה"צ רבי הערשיל בלויא, דער ברודער פון רבי משה, איז געווען אויפן וועג צום מקוה, אויפשטייענדיג כדרכו בקודש ביי חצות הלילה, און איז זיך געגאנגען טובלן בקדושה ובטהרה, כדי צו לערנען די הייליגע תורה מיט ריינקייט, האט אים באגעגנט הגה"צ רבי שמואל גוטפארב זצ"ל, וועלכער האט אים הארציג באגריסט, זאגנדיג: היינט איז א גרויסער טאג! ווייל דיין גרויסער ברודער רבי משה גייט זיך טרעפן מיטן קעניג פון האלאנד אליין!

האט אים רבי הערשיל געענטפערט מיט א הייליגע פייערדיגע שטימע: ער גייט זיך טרעפן מיט א מלך בשר ודם... אבער איך בין יעצט אויפן וועג זיך צו טרעפן נאך אביסל מיטן מלך מלכי המלכים בכבודו ובעצמו! מיטן לערנען די הייליגע תורה און דאווענען און דינען דעם אויבערשטן!

און רבי הערשיל איז גלייך געלאפן צום מקוה מיט א מורא'דיגן התלהבות!

כָּל יָמָיו פלעגט דער צדיק רבי שמואל גוטפארב דערציילן די מעשה, כדי מען זאל וויסן אז יעדער איינער האט א טעגליכע 'באגעגעניש' מיטן מלך מלכי המלכים בכבודו ובעצמו!

[פרטית, כ"ז שבט תשע"ג]

->•<-

איך האב געהערט פון אבי מורי, א וואונדערליכע מעשה, וואס האט א שטארקע מוסר-השכל מיט זיך:

אין די עלטערע יארן פון דעם הייליגן "חפץ חיים" זצוק"ל, איז ער געווען אלט און שוואך, און ער האט כמעט גארנישט געקענט אליין טון, און אפילו זיין סדר פון לערנען וואס ער פלעגט האבן אסאך סדרים וואס ער האט געלערנט יעדן טאג, איז אים אבער אויף דער עלטער אנגעקומען זייער שווער.

איין טאג, האט דער הייליגער חפץ חיים אויסגעטראפן, אז אין די שטעטל "לידא" וואס איז נאנט צו ראדין, האט מען פארמאכט די מקוה. ווען דער הייליגער חפץ חיים האט דאס געהערט, איז ער צוטרייסלט געווארן. און אויפאמאל האט ער זיך אנגעגארטלט מיט שטארקייט, צום גרויסן וואונדער פון זיין הויזגעזינד. ער האט זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאץ, און האט אנגעהויבן גיין אזוי ווי א יונגער מענטש, און האט געזאגט: מען מוז שוין אהינפארן, כדי אוועקצושטעלן די טהרה אין ארט, אזוי ווי עס דארף צו זיין.

די הויזגעזינד פונעם הייליגן חפץ חיים האבן זיך זייער געוואונדערט, ווייל אפילו דאס גיין פון זיין הויז צום בית המדרש וואס איז געווען אינעם זעלבן בנין, כדי צו דאווענען מיט א מנין, איז אים אנגעקומען זייער זייער שווער, און אסאך מאל פלעגט מען ברענגען א "מנין" צו אים אינדערהיים, וויבאלד ער האט נישט געהאט קיין כח אראפצוגיין צום בית המדרש, אויב אזוי, וויאזוי וועט ער זיך קענען ארויסלאזן אויף אזא לאנגע וועג?

דער הייליגער חפץ חיים האט זיך אבער פעסט אייגע'עקשנ'ט, זאגנדיג אז דאס איז זיין הייליגע פליכט, לויט די הלכה! ווייל וויבאלד ער איז ביכולת מעורר צו זיין דערוועגן, איז ער מחויב צו גיין און טון וואס ער קען. ער האט געבעטן עטליכע פון זיינע תלמידים, אז זיי זאלן אים באגלייטן אין וועג, און אים ארויסהעלפן אין די נסיעה קיין לידא. ווי פארשטענדליך, האט דער הייליגער חפץ חיים, זייענדיג שוין אין א הויכן עלטער, נישט געקענט גיין מער ווי עטליכע טריט, און גלייך האבן אים זיינע תלמידים געטראגן מיטן בענקל. אזוי האבן זיי אים אראפגעטראגן פון זיין הויז, און אים ארויפגעלייגט אויפן וואגן, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן שווערן וועג קיין לידא.

ווי נאר דער הייליגער חפץ חיים איז אנגעקומען צום שטעטל, האט ער אנגעהויבן מאכן באגעגענישן און שתדלנות מיט די ראשי הקהילה, און מיט אידן וואס האבן געהאט א השפעה אין שטעטל, פראבירנדיג זיי ערקלערן ווי וויכטיג עס איז אז עס זאל זיין א מקוה אין יעדן אידישן ישוב. ער האט אבער זייער שנעל געזען אז עס איז נישטא מיט וועם צו רעדן...

האט דער הייליגער חפץ חיים געבעטן אז מען זאל לאזן וויסן פאר די אידן אין שטעטל, אז ער וויל לאזן הערן א דרשה פארן עולם, נאך מנחה.

צו תפילת מנחה האט זיך צוזאמגענומען א ריזיגער עולם. יעדער איינער האט פארשטאנען, אז אויב דער זְקַן הָרַבָּנִים, דער הייליגער חפץ חיים האט זיך באמיט מיט מסירות נפש און איז געקומען בכבודו ובעצמו צו זייער שטעטל, און עס איז נישט געווען גענוג צו שיקן איינער פון זיינע חשוב'ע תלמידים, וואס זענען אליין געווען גדולי תורה והוראה, איז דאס זיכער זייער א וויכטיגער זאך!

נאך מנחה איז דער חפץ חיים

המשך אין עמוד ד' <

ארויפגעגאנגען אויפן בימה, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן, און אזוי האט ער געזאגט: צוליב מיינע שוואכע כוחות, קען איך, צום באדויערן, נישט מאריך זיין איבער די געוואלדיגע חשיבות פון א מקוה, אבער דאס קען איך יא זאגן – אז ווען איך וועל קומען צום עולם העליון נאך הונדערט און צוואנציג יאר, וועט מען מיר פרעגן: ישראל מאיר, וואו האסטו געוואוינט דארטן אונטן אינעם עולם הזה?

וועל איך ענטפערן: אין ראדין!

- אפשר האסטו געקענט דעם שטעטל 'לידא' וואס איז נאנט צו ראדין?

יא! – וועל איך ענטפערן.

- האסטו געוואוסט אז עס איז נישטא דארט קיין מקוה?

- יא!

און דעמאלטס וועלן די חברי הבית דין אויפהייבן זייער שטימע, און די הייליגע צדיקים עליונים פונעם פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה, וועלן שרייען אויף מיר און זאגן: נו, ישראל מאיר! וואס האסטו דארט געטון, וועגן די מקוה דארט אין שטעטל?

- עס איז באוואוסט דער שטייגער פון מענטשן, אז מען לייגט אלעמאל ארויף דעם שולד אויף אנדערע... וועט איר אוודאי זאגן, נאך די הונדערט און צוואנציג, אז דער הייליגער חפץ חיים איז געווען נאנט צו אייך, און ער האט גארנישט געטון וועגן דעם...

דעריבער, האט דער הייליגער חפץ חיים אויסגעפירט, בעט איך אייך זייער שטארק, אז איר זאלט מיר יעצט אונטערשרייבן אויף א בלאט, און איר זאלט פעסטשטעלן די זאך, אז איך בין אהערגעקומען מיט מסירות נפש, און איך האב אייך מעורר געווען איבער דעם גרויסן זאך אז מען דארף דא האבן א מקוה טהרה, און איר האט מיר נישט צוגעהערט! און אזוי וועל איך ארויפקומען ריין פון אט די טענה!

און מיט דעם האט דער הייליגער חפץ חיים געענדיגט זיין קורצע דרשה, און איז אראפגעגאנגען פון די בימה.

עס פארשטייט זיך אליין, אז נאך אזא דרשה, האט זיך גלייך אנגעהויבן רעדערייען און לויפערייען צווישן די חברי הקהילה, און אנשטאט אויסצופילן דעם צעטל וואס דער הייליגער חפץ חיים האט געבעטן ביי זיין דרשה... האבן די ראשי הקהל זיך צוזאמגעזעצט און האבן זיך אונטערגענומען גלייך אויפן פלאץ, צו פארדעכטן די זאך און צוריקעפענען די מקוה אויפן בעסטן אופן!

[כלליות שיחה 39]

->•<-

די וואונדערליכע ענוה פון מיין מחותן, הגאון הצדיק רבי יעקב בלויא זצ"ל, דער רב פון די סנהדריה (פאג"י) געגנט אין ירושלים עיר הקודש, און חבר הבית דין צדק דהעדה החרדית, איז געווען ממש א שם דבר. ער האט זיך אינגאנצן צונישט געמאכט, און איז געווען אינגאנצן בטל ומבוטל צו די תכלית פון זיין תפקיד אויף די וועלט. ביי יעדער זאך וואס מען האט געדארפט טון, האט ער בכלל נישט געקוקט אויף זיין אייגענעם כבוד, ער האט זייער שטארק פיינט געהאט דעם כבוד, און ער איז אנטלאפן דערפון ווי פייל פון בויגן.

אין אנהייב ווען ער איז געווארן רב אין די סנהדריה געגנט, האט זייער שטארק אויסגעפעלט א 'מקוה' אינעם געגנט, און דער רב זצ"ל האט געארבעט זייער פיבערהאפטיג כדי צו בויען די מקוה, און טרעפן א פאסיגן ארט און די נויטיגע געלט דערפאר. דער רב האט באגלייט דאס בויען פון די מקוה, אנהייבנדיג פון די יסודות ביז ווען עס איז שוין געשטאנען גרייט צו נוצן.

ווען ער האט געזען ווי די מקוה הייבט אן ווערן א פאקט, און דאס בוי-ארבעט איז געווען אין פולן שוואונג, האט ער די גאנצע צייט נאכגעקוקט אז די מקוה זאל געבויט ווערן אזוי ווי עס דארף צו זיין, לויט אלע חומרות וואס זענען איינגעפירט אין ירושלים עיר הקודש נאך פון די פריערדיגע צייטן.

ווען מען האט צוגעשטעלט די בורות פארן מקוה, מיט די ספעציעלע לעכער פארן "השקה" ביז צום "אוצר", איז דער רב געקומען זען אויב מען האט עס גוט געבויט, און צי מען האט אויסגעפירט אלע זיינע אנווייזונגען.

אבער דעמאלטס, אינמיטן זיין גרונטליכע אונטערזוכונג, האט ער באמערקט עפעס א פראבלעם אינעם בור פונעם מקוה, וואס מען האט געדארפט פאררעכטן און מסדר זיין, וואס ווי עס זעט אויס האט מען נישט געהעריג צוגעשטעלט דעם בור פונעם מקוה. דאס ארט איז געווען פול מיט שמוץ און ליים, אזוי ווי יעדער פלאץ וואו מען בויט, אבער ווען דער רב איז געקומען צוזאמען מיט זיין פמליא פון ראשי הקהילה און די וואס זענען געווען פאראנטווארטליך אויפן בויען, און ער האט געזען די זאך וואס מען האט געדארפט פאררעכטן, האט ער נישט געקוקט אויף גארנישט, נאר ער האט גלייך אויסגעטון זיין הוט און רעקל, און עס געגעבן פאר זיין גבאי, און ער איז גלייך בכבודו ובעצמו אריינגעגאנגען אינעם בור פונעם מקוה, און האט מיט זיינע אייגענע הענט פארראכטן דאס וואס מען האט געדארפט פאררעכטן!

דאס וואס דער רב האט געטון, האט אויסגערופן גרויס וואונדער אין די אויגן פון אלע פארזאמלטע, און נאך פילע יארן האבן די עלטערע אידן פון סנהדריה דערציילט איבער די געוואלדיגע ענוה וואס מען האט געזען ביים רב ביי אט דעם מעשה!

[פרטית, י"ז שבט תשע"ג]

->•<-

מענין לענין, האט מיר א טייערער ירושלימ'ער יונגערמאן דערציילט, אז איינמאל, בערך איינס אזייגער ביינאכט, איז נתעורר געווארן זייער א הארבע און וויכטיגע שאלה ביי אים אינדערהיים, וואס האט נישט געקענטווארטן ביז אינדערפרי. דער יונגערמאן האט נישט געוואוסט וואס צו טון, אין אזא שפעטע שעה! וואו וועט ער יעצט טרעפן א פוסק, וועלכער וועט זיין גרייט צו פסק'נען זיין שאלה אין אזא שפעטע צייט?

דעמאלטס האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט אמאל געהערט וועגן הגאון רבי יעקב בלוי, דער רב פון סנהדריה, אז ער פירט זיך צו זיצן און לערנען ביז די גאר שפעטע נאכט שעות... דעריבער, כאטש אזעלכע שעות זענען אוודאי נישט קיין צייטן פון קבלת-קהל... אבער וויבאלד ער האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, האט ער באשלאסן אז ער גייט אויספראבירן די איינציגע מעגליכקייט וואס ער האט. איז ער אריינגעגאנגען אין א טעקסי, און איז געפארן צום הויז פונעם רב אינעם סנהדריה געגנט, און ציטערדיג געקלאפט אויפן טיר, פול מיט ספיקות, צי ער טוט יעצט די ריכטיגע זאך, אדער מעגליך שטערט ער יעצט ביים רב'ס הויז, קלאפנדיג אויף זיין טיר אין אזא שפעטע שעה...

צו זיין גרויסן וואונדער, האט דער רב אליין אים געעפנט די טיר, און אים זייער שיין אויפגענומען. מיט זיין גרויס קלוגשאפט, האט דער רב גלייך אויפגעכאפט ווי אומבאקוועם דער יונגערמאן פילט זיך, און כדי אוועקצונעמען יעדן זארג פון זיין הארץ, האט ער אים געגעבן א ספעציעלן גוטן געפיל, אז ער זאל שפירן אז ער איז געקומען אין די בעסטע צייט...

דער רב האט אים אריינגענומען אין זיין הויז, און האט אים אוועקגעזעצט נעבן אים, איבער'חזר'נדיג עטליכע מאל אז דאס איז זייער א באקוועמע צייט פאר אים, און ער האט זייער גוט געטון אז ער איז יעצט געקומען מיט די שאלה, און נישט געווארט אויף מארגן. נאכן דאס זאגן, האט רבי יעקב אים גע'פסק'נט זיין שאלה.

איידער דער יונגערמאן איז ארויסגעגאנגען פון זיין הויז, איז דער רב געגאנגען און האט אים באגלייט ביזן טיר, און אזוי שטייענדיג ביים טיר האט אים דער רב געזאגט: דו זאלסט אלעמאל געדענקען, אז אין יעדער צייט קענסטו קומען פרעגן! נישט קיין חילוק וואו דער זייגער האלט! איך האב זייער הנאה ווען מען קומט פרעגן די הלכה ביי יעדער זאך, און מען פארלאזט זיך נישט אויף דאס וואס מען טראכט אליין! אזוי איז ריכטיג זיך צו פירן, אז אין יעדן פאל וואס מען האט א ספק, זאל מען קומען פרעגן וואס די הלכה איז, און בפרט ביי אזעלכע זאכן וואס זענען נוגע צו טהרתם של ישראל!

און דער בעל המעשה האט עדות געזאגט פאר מיר, אז יענער נאכט האט געמאכט ביי אים ממש א מהפיכה! ער איז ארויסגעגאנגען פונעם רב'ס הויז ווי אן אנדערער מענטש. אויב אין אנהייב איז ער געווען פול מיט ספיקות און צווייפלענישן, איז ער יעצט ארויסגעגאנגען פון דארט פול מיט שמחה, בטחון און גרויס חיזוק. ער האט אים אריינגעגעבן אזא געשמאקע און באַ'טעמ'טע געפיל, וואס האט פארטריבן פון זיין הארץ אלע זיינע פריערדיגע צווייפלענישן!

[שם]





# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלבע"י אלול תשפ"ג תנצבה

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן


יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173